# זעקת החינוך (גליון קסז)

Tel. 020-3514-6632 / Fax: 020-3925-7853

הגליון טעון גניזה
עכ"ז גיבן מיר אכטונג נישט צו שרייבן
קיין פסוקים במילואם


## הקול קול יעקב והידים ידי עשו

דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק (איכה פתיחתא ב), אז כל זמן דער **קול יעקב** וועט אנגיין ביי די **תינוקות של בית רבן**, וועלן די **ידי עשו** נישט קענען שולט זיין.

אביסל פריער זאגט דער מדרש **אימתי המלכות גוזרת גזירה וגזירתה מצלחת, בשעה שישראל משליכין דברי תורה לארץ**, ווען קענען די גוים גוזר זיין גזירות און מצליח זיין, דאס איז נאר ווען די יודן פארשעמען די תורה (ח"ו) מיטן איהר אראפווארפן אויף די ערד (רח"ל) וכו'.

ווייטער אביסל זאגט דער מדרש נאכאמאל **אם השלכת ד"ת לארץ מיד הצליחה המלכות**, אויב מעןווארפט די תורה אויף די ערד חלילה, באלד איז דער מלכות מצליח, **הדא הוא דכתיב ועשתה והצליחה** די רשעים טוהען וואס זיי ווילן און זענען יידער מצליח (ע"כ).

פון דאנעט זעהט מען, אז אויב שטייען מיר אליין שטארק מיט די הייליגע תורה, מיר זענען גארנישט מוותר פאר די גוים, דאן היט אונז דער בוכ"ע אפ אז די **ידי עשו** זאלן נישט קענען שולט זיין. אויב אבער ח"ו מיר אליין זענען **רך כקנה**, מיר גיבן זיך אונטער צו די גוים, און פאר געלט איז מען מוותר אויף די הייליגע תורה ח"ו, דאן זענען חלילה ח"ו די גוים מצליח מיט זייערע שלעכטע גזירות.

דער מהרש"ב (מליובאוויטש) זצ"ל שרייבט אין די **אגרות קודש** (ח"א סי' קי"ז):

**הנסיון הראנו אשר בכל עת שנתחזקנו באמונתינו ובבטחוננו בו יתברך והתחזקנו עמודי התורה והמצות וקבלנו עלינו לעסוק בהם בחוזק בלי שום מונע ומעכב, היתה יד ה' בעזרינו לחזקינו ולעודדינו ביותר, ושבר זרועות רשע לבל יגעו בנו לרעה ח"ו.**

**עלינו כולנו לדעת ברור ומוחלט אשר רק החלישות שבנו מוספת בהם חיזוק, והקרירות והקפאון אשר במחנה היראים נותנת בהם תוקף ועצמה להגביה ראש באופן נורא כזה, ואשר התפרצו והתרחבו כ"כ הוא מפני הנתינת מקום מצדנו, ומי יודע מה יהיה במשך עוד מעט זמן ח"ו העולם כולו יהפך למינות, הי' לא תהי'.**

**איבערטייטש:** דער פאקט האט אונז געוויזן אז אלעמאל ווען מיר האבן זיך מחזק געווען אין אמונה און בטחון אין אויבערשטן און מיר האבן עוסק געווען אין חיזוק התורה והמצוות, אהן זיך דערשרעקן פאר קיין שום צוריקהאלט, האט דער אויבערשטער אונז ספעציעל געשטארקט, און צובראכן די רשעים אז זיי זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף אונז.

מיר דארפן אלע וויסן קלאר און זיכער, אז נאר ווען עס איז דא א שוואכקייט ביי אונז אליין, נאר דאס גיבט זיי חיזוק, די קאלטקייט וואס עס הערשט ביי די ערליכע יודן, דאס גיבט זיי שטארקייט אויפצוהייבן דעם קאפ אויף א מורא'דיגן פארנעם, דאס וואס די רשעים האבן זיך אזוי געשטארקט און צושפרייט, איז נאר ווייל מיר האבן זיי געגעבן א פלאץ, און ווער קען וויסן וואס וועט זיין אין דער צוקונפט ח"ו, די גאנצע וועלט וועט זיך איבערדרייען צו מינות הי"ת. (ע"כ לשה"ק).

דער **ידים ידי עשו** ליגט אין די האנט פון דעם **קול קול יעקב**, עס ליגט אין אונזער אייגענע בחירה, און נאר אין זכות וואס מיר וועלן אפהיטן בשלימות דעם **קול קול יעקב**, וועט דער אויבערשטער העלפן אז די **ידים ידי עשו** וועלן בכלל נישט קענען האבן קיין שליטה, ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צום **ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ** בב"א.

בס"ד                    לכבוד הגליון זעקת החינוך הע"י

איך האב געוואלט צוברענגען פון ספר דב"י (דף תקיז) אויף דעם פסוק פאריגע וואך, **ויאמר לא אוכל עד אם דברתי דברי**, לכאורה קען מען מדייק זיין אז דערווארט **דברי** איז איבעריג, **לא אוכל עד אם דברתי** וואלט אויך געזאגט די זעלבע זאך. נאר אליעזר האט זיי געזאגט, 'איך מוז דוקא רעדן נאך פאר איך וועל עסן פון ענק, ווייל נאכן נהנה זיין פון ענק, וועט עס שוין נישט זיין קיין **דברי**, עס וועט שוין נישט זיין 'מיינע ווערטער', איך וועל שוין זיין מושפע פון ענק...' ודפח"ח.

עס איז אויך פאסיג דא צוצולייגן וואס **הגה"צ מקאשוי זצ"ל** האט אמאל געזאגט ביי א מסיבה פאר זיין ישיבה, - ער האט בתוך דבריו ארויסגעברענגט דעם שטארקן דוחק פון די ישיבה, און געזאגט אז עס איז געווען אן אנטראגע פון די רעגירונג צו נעמען געוויסע געלטער פאר די ישיבה, - האט ער אויסגעשריגן מנהמת לבו, **אורייתא וקוב"ה וישראל חד הוא, דער אחריות פון די תורה איז אויפן אויבערשטן, ער מאכט זיכער אז די תורה זאל האבן א קיום, אויב זענען מיר די וואס שטיצן די ישיבות הקדושות, דאן שיקט דער בוכ"ע אראפ די 'שפע' צו אונז, אויב אבער מיר וועלן נעמען פון די גוים, אז עס זאל זיך אויסהאלטן די ישיבות פון די גוי'אישע געלט ח"ו, דאן וועט די שפע ח"ו אראפקומען צו די גוים ה"י.** – ע"כ.

חזקו ואמצו בעבודתכם הק' וה' יאיר עינינו ועיני כל ישראל.          יישר"כ, מנאי ( - )

---

בס"ד

לכבוד דעם טייערן גליון זעקת החינוך וואס טוט דערלייכטן די אויגן און מחזק זיין יודישע קינדער אויפן ריינעם חינוך.

איך האב געוואלט אנצייגן אויף א שטיקל נועם אלימלך די וואך, אויפן פסוק **אם כן למה זה אנכי**, וזל"ק: דהנה רבקה היתה יודעת שבניה יקבלו התורה הקדושה וברחמה כשהיתה עוברת על פתח בית הכנסת יעקב היה מפרכס לצאת. ובפתח עבודה זרה היה עשו מפרכס לצאת כמו שדרשו חז"ל והיא לא היתה יודעת שזה לה שני עוברים במעיה רק היתה סוברת שזה עובר אחד שהוא מתגבר עיתים לטובה ועיתים לרעה והיתה מצטערת ואומרת אם כן רוצה לומר אם חלילה באופן זה יהיה בני וחלילה בקבלת התורה הקדושה יהיה בהם תערובת טוב ורע. למה זה אנכי למה לי קבלת התורה שפתח באנכי ה'. כי התורה הקדושה צריכה להיות הכל בקדושה בלי תערובות חלילה וכו'. – איבערטייטש (התוכן): רבקה האט געזאגט, אויף אזא אופן, א קינד וואס וויל גיין סיי צו תורה און סיי צו עבודה זרה, דאס מיינט אז ער וועט אויסמישן קודש מיט חול, **אם כן למה זה אנכי, אנכי** איז מרמז אויף קבלת התורה, (אנכי ה' אלקיך), אויף אזא אופן דארף מען נישט קיין **קבלת התורה**, ווייל די תורה הקדושה דארף זיין נאר גענצליך ריין, אן קיין אויסמישן קיין גוי'אישקייט אין דעם חלילה. - ע"כ.

דאס זעלבע ענין ווערט געברענגט אין ספר 'אדמו"ר בעלזא' (ח"ג דף רע"ג) פון **הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זצ"ל**, אז ער האט געפרעגט, די גמרא זאגט אז איידער א קינד ווערט געבוירן לערנט ער מיט א מלאך די גאנצע תורה, - איז מילא עשו האט געוואלט ארויס גיין, נו סוכ"ס די תורה איז דאך נישט פאר אים, אבער יעקב, וואס איז דען שייך עפעס בעססערס ווי צו לערנען די תורה הק' פון א **מלאך ה' צבקות** אליין. האט ער געענטפערט, אז טאקע צו לערנען מיט א מלאך איז זייער חשוב און לעכטיג, אבער נישט צוזאמען מיט עשו, מיט עשו צוזאמען האט ער אפילו פון א מלאך אויך נישט געוואלט לערנען.

ליידער אין אונזער היינטיגן מצב, ווערט אריינגעברענגט אפילו אין גאר היימישע מוסדות למען בצע כסף אסאך גוי'אישקייטן, זאכן אשר לא שערום אבותינו, זאכן וואס זענען קיינמאל נישט געווען, און ווייל מען וויל באקומען געלט פון די גוים, זוכט מען אויס תירוצים מתירוצים שונים אריינצוברענגען אין גוי'אישקייט נאכן צווייטן.

איך וועל צוברענגען א קליינע דוגמא, לעצטנס איז געווען אן אינספעקשן אין מוסד וואו מיין טאכטער לערנט, איך האב נישט קיין פונקטליכע ידיעות פון אלע הכנות ארום דעם אינספעקשן, וואס געווענליך איז דאן א זמן וואס איז **ניתן רשות למשחית רח"ל**, און אסאך מכשולות קומען ארויס אין יענע טעג, אבער איין קליינע זאך וואס איך ווייס יא, איז געווען אז

ביי מיין טאכטער'ס קלאס, ביי די קליינע קינדער פון 'רעספעשאן' האט מען אויפגעהאנגען אויפן וואנט די ABC, דאס איז א זאך וואס איז נישט געווען ביז היינט, און מכח 'ספיקא דיומא' האט מען עס שוין אויפגעהאנגען פון סוכות... איך האב געפרעגט דערוועגן איינעם פון מוסד, האט ער געענטפערט 'די קליינע קינדער וויסן בכלל נישט וואס דאס איז', עס האט אויף זיי נישט קיין שום השפעה, - אבער לענ"ד איז דאס א גרויסער טעות, ראשית די קליינע קינדער וויסן גאר גוט וואס דאס איז. - אבער נאך אסאך ערגער פון דעם איז, די גרויסע קינדער וואס האלטן דאס מיט, זיי זעהען צו אז מען ברענגט אריין אין מוסד גוי'אישע זאכן וואס איז ביז אהער נישט געווען, און אלעס 'ווייל מען מוז דאך האבן געלט', מען איז גרייט זיך צו בייגן פון די יודישקייט פרינציפן וואס דער מוסד האט, אז אין די קליינע כיתות איז אלעס נאר ריין יודיש, דער יסוד און די התחלה פון די קינדער איז נאר מיט ריינע יודישקייט אן קיין תערובות חול בכלל, אבער יעצט כדי צו באקומען געלט האט מען זיך געבויגן, און יא אויפגעהאנגען די ABC אין די קליינע קלאסן, - און נאך ערגער איז, אז **על הכלל כולו יצא**, נישט דוקא אז ABC מעג מען אויפהענגען, נאר דער יסוד גייט אריין ביי זיי אין די ביינער אז ווען מען וויל באקומען געלט פון די גוים מעג מען דרייען מיטן יודישקייט ארויף און אראפ לויט ווי עס לוינט זיך רח"ל.

און נישט נאר די קינדער באקומען דעם מעסעדזש, נאר אויך די לערערינס און מנהלת'ן, זייער קאפ ווערט אויך "מחונך" אז אויב דער "פרומער" מוסד איז מחליט אז מען קען פארקנייטשן פון יודישע פרינציפן פארן תועלת פון געלט, דאן מעג איך דאס אויך טאן אין אסאך שטחים אנדערע אויכעט, - און ליידער אזוי ווערט נקבע אין קאפ דער **דרך הפשרות**, - **ותוצאותיו מי ישורנו**.

יעדער פארשטייט אז דער גייסט, דער אטמאספער אין מוסד ווערט געטוישט דורך די אלע זאכן, עד היום איז דער רוח אין די קליינע קלאסן געווען גענצליך יודיש, די קינדער זאלן אנהייבן זייערע ערשטע טריט מיט ריינע יודישקייט, יעצט הענגט מען אויף די ABC אין די הייליגע און ריינע בית חינוך ה"י. (אין די סוכה ווערט קיינער נישט אויפהענגען קיין ABC כאטש עס שטייט נישט אין שו"ע אז מען טאר נישט, יעדער פארשטייט דעם חילול הקדושה פון דעם, דאס זעלבע דארף מען פארשטיין אז וואס עס איז נישט פאסיג אריין צו קומען אין די הייליגע סוכה, דארף אין א הייליגן בית חינוך אויך נישט אריינקומען בשום אופן).

מיר דארפן האלטן ריין די בתי חינוך פון יעדע תערובות פון אלע מיני גוי'אישקייטן, ווי דער הייליגער **נועם אלימלך** שרייבט, און דער אויבערשטער זאל העלפן אין דעם זכות זאלן מיר זוכה זיין צו ערליכע יודישע דורות אמן כיה"ר.

## לידיעת הציבור

ביי די לעצטע אינספעקשן ביי איינע פון די יודישע מוסדות דא אין שטאט, האבן די 'אפסטעד' אינספעקטארס פארלאנגט צו רעדן מיט געוויסע קינדער פון קלאס, זיי האבן פארלאנגט אז זיי ווילן רעדן מיט די 'זעקסטע קינד פאר די סוף ענדע פון ליסט'.

ב"ה אז די הנהלת המוסדות האט געטראפן דעם וועג ווי אזוי זיך ארויסצודרייען אין דעם פאל, ואכמ"ל, אבער דאס ווייזט ווי די גוים ציען-איין דעם שטריק ארום דעם האלז אלס מער און מער.

איינס פון די "אזויגערופענע" היתרים פון לאזן די קינדער רעדן מיט 'אפסטעד' איז, אז עס ווערן צוגעגרייט עטליכע פארשטענדליכע קינדער, און זיי פטר'ן דעם גאנצן מוסד וד"ל, (וואס דאס אליין איז אויך א הימל-געשריי!), אבער יעצט איז **נפל פיתא בבירא**, די גוים האבן טאקע צוגעזאגט אז זיי וועלן דאס צולאזן, אבער זיי זענען אביסל קלוגער געווארן... און זיי ווערן ליידער אלץ קלוגער און קלוגער...

דאס איז באמת נאר א פרט, כאטש גאר א וויכטיגער פרט, אבער דאס קומט ווייזן ווי גרויס די סכנה איז און ווי שרעקליך איז די הפקירות ווען מען גייט אויפן שארף פון שווערד, מען שפילט זיך ארום מיט די טייערסטע זאך וואס איז דער גאנצער עתיד פון כלל ישראל, מיט אזעלכע ביליגע התירים און המצאות **שבין לילה הי' ובין לילה אבד**. - ולה' הישועה.

בס״ד

לכבוד הגליון החשוב הי״ו

אזוי ווי איך האב אייך פארשפראכן, שיק איך אייך דא דעם בריוו וואס הרה״ק מסאטמאר זצ״ל האט אויף דעם אונטער געשריבן בנוגע נעמען געלט פון די בריטישע רעגירונג.

דער בריוו איז געשריבן געווארן פון די **עדה החרדית** צום **בריטישן מאנדאט**, בעיקר ארויס צו ברענגען דעם איסור צו 'צאלן' פאר די רעגירונג אזא 'חינוך-טעקס' וואס די געלט וועט גיין אויך פאר פרייע שולעס פון יודישע קינדער רח״ל, - אבער אין דעם בריוו שרייבן זיי אויך אז עס איז אסור נהנה צו זיין פון די סארט רעגירונגס געלטער.

---

בס״ד

פעיה״ק ירושלם, יום ג' לחודש תמוז תש״ה למעלת כבוד מושל המחוז ירושלם.

אנו הח״מ תושבי ירושלם עיה״ק מתכבדים בזה לפנות לכבוד מעלתו בדרישתינו התכופה והצודקת הבא להלן:

היות וענין הטלת מס החינוך העירוני למחוז ירושלם עומד להתגשם ח״ו וכספי ההכנסה ממס זה יוצא להחזקת בתי חינוך של כפירה והעברה על הדת המתנכרים לאמונה בהשגחה העליונה ר״ל.

# בתי הת״ת שלנו אינם רשאים ליהנות ממס זה

כאשר פסקו לנו רבותינו הגאונים וכאשר קימו וקבלו עליהם הנהלת בתי הת״ת בעיה״ק ירושלם ת״ו.

והואיל ולפי דת תוה״ק אסור ליהודי חרדי לסייע באיזה אופן שהוא ישר או בלתי ישר לחיזוקו של החינוך החפשי ולקיומם של בתי חינוך כאלה.

ולכן - על יסוד עיקרונות חופש הדת והמצפון שהממשלה הבריטית דוגלת בהם מאז ומעולם, ובכדי שלא להאכיף על אלפי היהודים החרדיים שומרי החוק והסדר גזירה של העברה על הדת ח״ו אנו דורשים מאת הממשלה להוריד את ענין הטלת מס זה ממחוז ירושלם ולבטל באופן החלטי את המס הזה ממחוז עיר הקודש.

והננו מצהירים בזה כלפי מעלת כבוד מושל המחוז כי אם נאמנותינו לחוקי הממשלה יר״ה תמיד כפי שמצוה עלינו מטעם תוה״ק, בכל זאת נראה את עצמנו נאלצים הפעם במקרה שיאושר ויגושם מס זה על עיר הקודש להשאר נאמנים לדת תוה״ק ולא נוכל לשלם אותו המס מרצוננו הטוב ועירית ירושלם תוכל לגבות מאתנו הח״מ את המס הזה אך ורק על ידי אמצעים של מכירה פומבית של חפצי בתינו ע״י משרד ההוצל״פ.

בטוחים אנו כי הממשלה יר״ה תרצה להשאר נאמנה למסורת חופש הדת והמצפון שלה ולחוקת הארץ הזאת בכללותה המעניקה זכות שויון חוקי לכל תושבי הארץ שומרי החוק והסדר ולא תרצה להביא אותנו לידי נסיון הזה, בהבעת תקותינו החזקה כי הממשלה יר״ה תתחשב בשעה אחרונה, עם דרישתינו הצודקת, ובהתאם לכל האמור, תודיע בהקדם על ביטול מס החינוך ממחוז ירושלם עיר הקודש.

**יוסף צבי דושינסקיא**
רב ואב״ד לכל מקהלות האשכנזים ירושלים תובב״א
ורב ראשי להיהדות החרדית בא״י

**יצחק זאב הלוי סאלאווייציק**
גאב״ד בריסק

**יואל טייטלבוים**
גאב״ד סאטמאר יע״א

**עקיבא בהגמהרשב״ס זצ״ל**
גאב״ד פרעשבארג